

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פנחס
תשפ"ב לפ"ק
גליון רכ"ט

## פראגע

### וויאזוי פארשטייען מיר אז אליהו הנביא איז נישט געשטארבן אבער משה רבינו יא?!

**ענטפער:**

משה רבינו איז געווען סך גרעסער ווי אליהו הנביא. אברהם אבינו איז געווען סך גרעסער ווי אליהו הנביא. אבער זיי אלע האבן טועם געווען די טעם פון מיתה. אליהו הנביא איז געווען א ספעציעלע פאל; דער איבערשטער האט אים אויסגעוועלט אלס א סימן, אלס א ספעציעלע דעמאנסטראציע.

די דעמאנסטראציע איז ווי פאלגענד: עס איז נישט געווען קיינער אין אונזער היסטאריע וואס אזויפיל מענטשן האבן אים פרובירט צו הרג'ענען, ווי אליהו הנביא. ער איז נאכגעיאגט געווארן ווי א ווילדע חיה; ער האט געדארפט וואוינען אין די מדבריות. אחאב דער קעניג האט געשיקט שלוחים איבער די גאנצע וועלט, ווי די גמרא זאגט אז ער האט געשיקט אים זוכן אין די גאנצע באוואוינטע וועלט.

אליהו האט זיך באהאלטן פאר זיין לעבן ווי א ווילדע חיה; אין די וועלדער, אין די היילן. וועגן דעם האט השי"ת אים אויסגעקליבן און געזאגט - דו וועסט זיין א סימבאל פאר די אידישע קינדער. פונקט ווי די אידן יאגט מען נאך אין אלע דורות. בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו. אבער פונקט ווי דיר וועלן זיי זיין א פאלק וואס בלייבט איבער אויף אייביג; אלע אנדערע פעלקער וועלן עווענטועל אונטערגיין.

איר ווילט טרעפן די אמאליגע שטאט בבל?! איר וועט דארפן נעמען א בולדאוזער און עס אויסגראבן פון אונטער די זאמד. איר זוכט די אמאליגע פרס?! פאר דעם דארף מען אויך א טראקטאר, ווייל זיי זענען אלע שוין לאנג באגראבן אונטער די זאמד, אלע אמאליגע ציוויליזאציעס זענען שוין אונטער דער ערד.

כלל ישראל איז די איינציגסטע פאלק וואס שפאצירט ווייטער אויף דער ערד, און גייען אויף די קברים פון זייערע פייניגער. און דו אליהו הנביא, וועם אזויפיל מענטשן האבן געוואלט הרג'ענען, גיי איך דיר מאכן די דעמאנסטראציע צו די וועלט און דו וועסט אויך קיינמאל נישט שטארבן.

דאס איז די סיבה. עס איז בלויז א דעמאנסטראציע. אודאי איז עס אויך א צייכן אויף זיין גרויסקייט, אבער ער איז נישט געווען גרעסער ווי משה רבינו און אברהם אבינו. עס איז געווען א צייכן פאר א מענטש וואס האט ריזיקירט זיין לעבן כסר צו ברענגען דעם דבר ה' אין דער וועלט. ער האט עס געטון ווייסנדיג אז יעדע מינוט קען ער פארלירן זיין לעבן, און זיי האבן פרובירט דאס בעסטע אים צו הרג'ענען.

אבער דער באשעפער האט געזאגט, "דער מענטש גייט קיינמאל נישט שטארבן."

## פראגע

### וואס זאל א מענטש טראכטן ווען ער ענדיגט א מסכת פון גמרא?

**ענטפער:**

**ווען** א מענטש ענדיגט א מסכת גמרא זאל ער שפירן א **שטארקע שמחה**. נישט סתם שמחה – א זייער שטארקע פרייד! און נאכדעם, א **שטארקע אחריות**. דו

האסט געלערנט א מסכת יעצט דארפסטו זיכער מאכן אנצוהייבן עס איבער'חזר'ן. אז נישט וועט עס פארלוירן גיין, און די קומענדיגע מאל דו זעסט עס וועט עס זיין ווי א שפאגל-נייע גמרא.

דו האסט געלערנט א מסכת? חזר עס איבער איינמאל און נאכאמאל, און נאכאמאל און נאכאמאל. שפאַר עס איין. עס איז אזוי ווי א מענטש האט דיר געגעבן געלט. אויב איך וואלט אייך געגעבן געלט, וואלט איר עס סתם געלאזט ליגן אויף אייער טרעפ פארנט פון די הויז?! איר ווילט עס סתם לאזן פארלוירן גיין?

איז דערפאר, ווען דו ענדיגסט לערנען עפעס א לימוד, זאלסטו שפירן צוויי זאכן: 1) א שטארקע שמחה, און 2) א שטארקע אחריות. מאך זיכער צו חזר'ן, חזר'ן און חזר'ן. אלעמאל זאלט איר איבער'חזר'ן וואס איר האט געלערנט און עס אפהיטן אין מח. עס איז אזא טראגעדיע צו פארגעסן.

במילא איז דא די צוויי מחשבות. די ערשטע זאך איז "ברוך השם, איך האב געלערנט א מסכת!" עס איז אן אויסטערלישע שמחה. און עס איז אויך אן אויסטערלישע אחריות. ווען א קינד ווערט דיר געבוירן איז עס א גרויסע שמחה, אמת? אבער צי גייסטו יעצט איבערלאזן דאס קינד ביי די טיר-טרעפ?! (E-217 #)

## פראגע

## פארוואס האבן די חכמים גע'אסר'ט צו מאכן חתונות אין די 3 וואכן?

### ענטפער:

און דער ענטפער איז, **"אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני"** – אויב איך וועל פארגעסן ירושלים זאל פארגעסן ווערן מיין רעכטע האנט (תהלים קל"ז). **"אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי"** – אונזערע גרעסטע שמחות איז גארנישט קעגן די האפענונג צו ירושלים.

און דערפאר הערן מיר אויף פאר 3 וואכן צו טראכטן וועגן חתונות און מיר טראכטן וועגן ירושלים. עס איז זייער וויכטיג פאר אונז אוועקצוגעבן צייט צו טראכטן וועגן ירושלים. נישט די היינטיגע ירושלים – די אמאליגע ירושלים וואס מיר האבן געהאט. **"אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי!"** מיר לייגן די מחשבות פון ירושלים העכער פון פערזענליכע שמחות! עס איז איינס פון די שלימות'ן וואס מיר דארפן עררייכן, צו טראכטן פון די אמאליגע, לעכטיגע טעג.

**"זכור ימות עולם"** – געדענק די אלטע טעג, די גרויסקייט וואס מיר האבן אמאל געהאט.

עס איז זייער וויכטיג פאר אידן צו קענען זייער היסטאריע. מיר האבן זייער זייער א רייכע היסטאריע. מיר דארפן צוריקקומען און הנאה האבן פון די גליקליכקייט פון יענע דורות און די זכרונות וואס מיר האבן מיט אונז ביז היינט; עס איז עקסטרעם וויכטיג צו לערנען אונזער עבר. און דערפאר, ווייל אונזער עבר איז אזוי וויכטיג, איז ווערד אפצולייגן א חתונה פאר 3 וואכן צו עררייכן די שלימות פון געדענקען די אמאליגע טעג און וואס כלל ישראל האט דעמאלטס פארמאגט. (792 #)

## פראגע

## וויאזוי קען א בחור איבערקומען די פריצות וואס איז דא אויף די גאסן?

### ענטפער:

איר דארפט וויסן אז דער אויבערשטער האט באשאפן צעמענט אויף די סיידוואלק פאר נאך א סיבה. עס איז נישט בלויז צו מאכן באקוועם און גרינג דאס גיין אויפ'ן גאס. די ציל פון צעמענט איז אויך אז דו זאלסט עס באטראכטן ווען דו גייסט אויפ'ן גאס. דאס איז זייער א וויכטיגער אָנווייזונג, און זייער בענעפיטבאר.

ווען דו גייסט אויפ'ן גאס האלט דיינע אויגן צו די צעמענט. צעמענט איז א וואונדערבארע פראדוקט. קיין שום באשעפעניש נוצט נישט קיין צעמענט. פייגלעך דארפן נישט קיין צעמענט; לייבן דארפן נישט קיין צעמענט, נאר מענטשן נוצן עס.

יעצט ווייסטו פארוואס מיר דארפן צעמענט? דאס איז די סיבה!

**די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת** (ענגליש)**, און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו** Signup@TorasAvigdor.org**, אדער גייט צו** torasavigdor.org**. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו** tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!




פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
## ארויס פון דרוק!

אידיש!

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










**$1**
א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב